דברי אמונה ובטחון לאור האסון הנורא במירון
ל"ג בעומר דהאי שעתא
מאת
הגה"צ ר' **יחזקאל יואל גליק** שליט"א

## מאמר

# והאמין בה'

נסתרים דרכי השם, עת לשתוק - עס איז א צייט וואס מען דארף שווייגן, ווער קען דען אריינרעדן אין אזעלכע מצבים - לדעת מה זה ועל מה זה, צו פארשטיין די סיבות - פארוואס זאכן פאסירן פון הימל. אבער נאר צו רעדן צו די אידן וועלעכע בטבע ווערן זיי אפגעשוואכט ווען זיי הערן אזעלכע בשורות, צו געבן פאר זיי אביסל חיזוק הייסט נישט אריינגערעדט אין די עצם הענין.

אוודאי, די אידן וועלעכע וואס האבן אליינס מיטגעמאכט - פאר זיי איז גאר שווער צו רעדן יעצט, און אוודאי רעדן מיר נישט יעצט צו זיי. יעצט רעדט מען נאר צו סתם אידן בכל מקומות מושבותיהם וועלעכע הערן אזוינע בשורות ווערן זיי אויפגעשאקלט ביזן טיפעניש פון הארצן, און ווייסן נישט וואס מען האט צו טוהן און וואס מען האט צו טראכטן. אוודאי דארף מען תשובה טוהן - יעדער אויף זיין ענין, אבער נישט אויף דעם איז יעצט די זמן.

נסתרים דרכי השם - מיר פארשטייען 'קיינמאל' נישט די וועגן פון הקב"ה

דער באקאנטער גורער משפיע רבי גד'ל ז"ל האט נאך די מלחמה אנגעטראפן אידן וועלעכע האבן מיטגעמאכט די ביטערע קריג ל"ע,

און האבן באקומען קושיות אויפן רבונו של עולם פארוואס ער האט געמאכט אזא קריג - און האבן לכבוד דעם אפגעלאזט אידישקייט און אוועקגעווארפן תורה ומצוות, און זענען געווארן כופרים בהשם רח״ל.

האט ר׳ גד׳ל ז״ל זיי א פרעג געטוהן: ענק געדענקען נאך אינדערהיים בעפארן קריג אין א שטאט אין פוילן איז אמאהל אוועק פון דער וועלט א מענטש, און האט איבערגעלאזט א אלמנה מיט עטליכע אינגע קינדער אין שטוב, און די גאנצע שטאט האט אויסגערודפ׳ט און געפייניגט די צובראכענע משפחה, און ביים ענדע האט מען זיי ארויסגעווארפן פון זייער הויז אויף די גאס. געדענקט איר די שרעקליכע מעשה - פרעגט זיי ר׳ גד׳ל.

איז פארוואס - ביים צוזעהן אזאנע שרעקליכע צרות וועלעכע האט באטראפן א משפחה בישראל - זענט איר דאן נישט געווארן קיין כופרים.

ענטפערן אים די אידן: אמת, דאס איז א שרעקליכע צרה, אבער דאס איז נאר איין מענטש - איין משפחה. אבער דא ביי די קריג רעדט מען דאך פון א שוידערליכער ציפער פון זעקס מיליאן אידן וועלעכע זענען אויסגעהארגעט געווארן, איז דאס דען א פארגלייך - טענה׳ן די אידן צוריק.

האט ר׳ גד׳ל ראגירט: הייסט דאס אז איר ווערט נתפעל פון אסאך מענטשן! איר ווערט איבערגענומען פון א עולם! מיר פארשטייען דאך קיינמאל נישט דעם באשעפער׳ס וועגן, יעדע רגע און יעדע מינוט טוט דער אויבערשטער זאכן וועלעכע מיר פארשטייען נישט בכלל [נישט ביי איין מענטש און נישט ביי אסאך].

עס איז טאקע א פלא אז פונקט פארגאנגענע וואך פארציילט די תורה הקדושה פון די צוויי זוהן פון אהרן הכהן וועלעכע זענען אומגעקומען אין בית המקדש, עס איז דאן געווען א זמן שמחה - יום הקמת המשכן, און אינמיטן די שמחה זענען נדב ואביהוא געשטארבן. און די פסוק זאגט ׳וידום אהרן׳ - אהרן האט געשוויגן.

עס איז נישט קיין קושיא פארוואס דער רבונו של עולם מאכט אזאנע צרות פונקט אין א זמן שמחה, און עס איז נישט קיין קושיא פארוואס דער אויבערשטער מאכט אז זעקס מיליאן אידישע קינדער זאלן אומקומען ח״ו. מיר פארשטייען נישט די גרויסע צרות וואס הקב״ה שיקט - פונקט ווי מיר פארשטייען נישט די קליינע צרות. מיר פארשטייען קיינמאל נישט דעם אויבערשטן׳ס וועגן - נסתרים דרכי השם.

די תכלית פון יעדע שוועריגקייט איז אויפצוּוועקן דעם מענטש צו הקב״ה

יעדע צרה יעדע יסורים יעדע שוועריגקייט וואס דער אויבערשטער שיקט אויף א מענטש - און מיר רעדן אוודאי נישט פון די וועלעכע האבן יעצט אליינ׳ס מיטגעמאכט אזא גרויסער אומגליק, זיי קענען מיר אפילו נישט משיג און מיר קענען נישט יעצט ארייינרעדן פאר זיי. מיר רעדן פון קליינע יסורים וואס הקב״ה שיקט פאר א מענטש, א שטייגער די הארץ קלאפעניש וואס אידן בכל מקומות מושבותיהם באקומען נאר פון הערן אזוינע בשורות - וואס עס האט זיך אלץ אפגעטוהן דארטן, אזאנע יסורים איז אויך גענוג שטארקע יסורים. זאגט דער הייליגער בעל שם טוב הק׳ זי״ע, אז די יסורים קומען אויף א מענטש פאר א תכלית, אז דער מענטש זאל ווערן אויפגעשאקלט ביזן טיפעניש פון הארצן - און זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט! אז די וועלט איז נישט די עיקר, די עיקר איז יענע וועלט! מיר פארשטייען אז עס איז פארהאן פארשידענע תיקונים פאר נשמות פון פריערדיגע גילגולים, וואס ווייסן מיר דען די נשמות פון די יעצטיגע אומגעקומענע זייערע פריערדיגע גילגולים, אינגע קינדער שלא טעמו טעם חטא, און ווייסן מיר דען וואספארא תיקונים זיי האבן געטוהן פאר אונז, עס איז א בחינה פון ׳ובכן צוה לו המלך׳ - די מלך האט אזוי באפוילן, מיר פארשטייען גארנישט.

אבער אזויפיל פארשטייען מיר יא - זיך אויפצוּוועקן און מכיר זיין אז עס איז דא עפעס א העכערע הנהגה, אז יענע וועלט איז די עיקר, דאס

איז די תכלית פון די גאנצע זאך וואס איז נוגע פאר אונז, זיך אויפצווועקן אז עס איז דא א אויבערשטער אויף די וועלט, און ער איז דער וועלעכע טוט דאס אלעס! חס וחלילה זאל א איד טראכטן אז עס האט פאסירט במקרה, און אפילו אויב די יד פון די פאליציי דארטן איז באמצע - דארפן זיי אוודאי באקומען זייער עונש, אבער מיט דעם אלעם ווייסן מיר אז דאס האט פאסירט פון הימל און דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט, און מיר פארשטייען נישט קיין חשבונות שמים.

אלעס איז פון הקב״ה אליין!

מען קען נישט זאגן אז פערצופאל זענען די מענטשן געשטאנען אויף יענעם פלאץ, אידן פון חוץ לארץ האט רבי שמעון אהין גערופן, דער אויבערשטער האט זיי אהינגעפירט, אויב איז עס באשערט פאר א מענטש - דאן איז רגלי של אדם מוליכין אותו צו זיין טויט ח״ו, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געפירט, ׳הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים׳, החיים והמות ליגט אינעם יד השם. נישט ח״ו פאר א רגע האבן א הוה אמינא אז די מענטשן וואלטן נישט געדארפט אהין פארן, אדער אויב וואלט ער געגאנגען א מינוט פריער אדער שפעטער, אויב וואלט ער נישט געגאנגען צו יענע הדלקה או״ו - וואלט נישט פאסירט וואס עס האט ליידער פאסירט. א מענטש רירט נישט זיין קליינע פינגער אן דעם וואס הקב״ה באפעלט דאס, און אוודאי און אוודאי חיים ומות איז אלץ פונעם רבונו של עולם אליין. אלעמאל אין יעדע מצב און יעדע ריר - א גאנצע צייט איז מען אין די הענט פונעם רבונו של עולם צו זאל מען לעבן צו נישט ח״ו, נישט אז עפעס דא איז געווען א אנדערע מעשה - אז עס איז געווען צושטופט און א דאנק דעם זענען מענטשן אומגעקומען ל״ע, אלעמאל איז מען אין די הענט פון רבונו של עולם צום גוטן און צום שלעכטן ח״ו - און יעצט אויכעט! יעדע מענטש יעדע בחור׳ל יעדעס קינד וועלעכע קומט אום - אין יעדע זמן - איז אלעס מן השמים! יעדע נשמה איז געווען אפגעשריבן פונקטליך אז זי זאל גיין פון די וועלט.

אז עס הערשט דינים אויף די וועלט, זאל מען יעצט נישט ווערן

א כופר בעיקר ח״ו. די אידן און משפחות וועלעכע האבן אליינ׳ס מיטגעמאכט יעצט - אז זיי האבן אביסל קושיות וועט זיך שוין דער אויבערשטער פאר זיי פארענטפערן, דער רבונו של עולם וועט זיך פארענטפערן פאר יעדע איד וואס ער האט אים געגעבן צער און יסורים. אבער מיר דארפן געדענקען אז זאכן פאסירן נישט פון זיך אליינ׳ס, עס איז פארהאן א השגחה פרטית.

אוודאי פארשטייען מיר נישט די תיקונים און גילגולים פון די נשמות, מיר פארשטייען גארנישט, מיר פארשטייען אפילו נישט פארוואס דער מענטש איז אראפגעקומען אויף די וועלט בכלל, מיר ווייסן נישט בכלל וואס מיר האבן אויפצוטוהן אויף די וועלט, מיר ווייסן גארנישט! אבער אזויפיל ווייסן מיר יא, ׳וידום אהרן׳ - מיר בלייבן שטיל און מיר ווייסן און גלייבן אז דער רבונו של עולם ווייסט וואס ער טוט! יעדע פרט ופרט האט זיך דער אויבערשטער זיינע תיקונים וואס ער פירט צו בהשגחה פרטית - פונקטליך!

די ׳כלל׳ פון הקב״ה איז צו משפיע זיין נאר חסדים

אבער פארשטייט זיך, אז נישט פון דעם ארויסלערנען אז הקב״ה שיקט צרות, און מען זאל אריינגיין אין א עצבות ומרה שחורה, אז הקב״ה האט אוועקגעריסן אזוינע הייליגע און טייערע נשמות ממילא גייען מיר אלע שטארבן, וויבאלד ׳אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא׳ - ממילא זענען מיר דאך קיינער נישט גוט, איז מה דאך זיי כל שכן אונז, ממילא גייען קומען דינים און עונשים, און מיר זענען אלעמאל לכתחילה אויסגעשטעלט פאר א לעבן פון שלעכטס און יסורים.

דער ׳לכתחילה׳דיגער כלל׳ לויטעט: אז הקב״ה איז א טוב ומטיב לכל, דער אויבערשטער איז משפיע חסדים טובים יעדע רגע און יעדע מינוט - און מיר דאנקען און לויבן הקב״ה אויף אלעס גוט׳ס וואס ער טוט מיט אונז. נאר אמאהל פאסירט א ׳יוצא מן הכלל׳ אז הקב״ה שיקט עונשים און יסורים, מען קען אבער נישט ארויסלערנען פונעם יוצא מן הכלל אויפן כלל. די כלל איז אז דער רבונו של עולם שטעלט אונז אויס

צו א לעבן פון רחמים וחסדים און אלעס גוט'ס, און אפילו עס מאכט זיך א יוצא מן הכלל - אזוי ווי דאס וואס עס האט יעצט פאסירט אז ער האט געטוהן דין אפילו מיט צדיקים, דאס איז א העכערע ענין וואס מיר פארשטייען נישט - עס ווערט אנגערופן קידוש השם, אבער מיט דעם אלעם ווערט נישט דער כלל אפעקטירט דערפון, און הקב"ה וועט אונז ווייטער משפיע זיין כל טוב וטוב.

עכ"פ, מיר דארפן וויסן אז מיר פארשטייען נישט די הנהגה פונעם אויבערשטן. אבער מיר דארפן גלייבן אז עס קומט פונעם אויבערשטן - און עס איז נישט קיין פערצופאל און עס איז נישט קיין מקרה, יעדע פרט ופרט איז אויסגעשטעלט פונעם אויבערשטן - און אלעס איז מיט א חשבון ווען א נשמה זאל קומען און ווען א נשמה זאל גיין, און ווי אזוי. די אלע נשמות וועלעכע זענען יעצט אומגעקומען און זענען שוין יעצט אויף יענע וועלט פארשטייען דאס אלעס גלייך, זיי זעהען שוין יעצט פונקטליך די סיבות און תכלית פון דאס וואס עס האט מיט זיי פאסירט, זיי גייען גלייך אריין אין גן עדן - זיי זענען שוין מסודר.

די תכלית פון אלעם - זיך צוריקקערן צו הקב"ה

נאר פאר אונז דא אויף די וועלט איז דער תכלית פון דעם אלעם אז הקב"ה וויל אונז אויפוועקן צו אים, מיר זאלן טראכטן פון אים. עס איז נישט קיין נפקא אמינא פאר אונז צו מיר וועקן זיך אויף צו הקב"ה דורך א טאנץ פאר רבי שמעון צו דורך א התעוררות תשובה פון א צרה וואס הקב"ה שיקט, מיר ווייסן נישט די חשבונות שמים פארוואס הקב"ה האט דייקא געוואלט יעצט אז מיר זאלן זיך אויפוועקן צו אים דורך א צרה, מיר פארשטייען גארנישט. די תכלית פון אלעם - גוט'ס און שלעכט'ס - איז אז מיר זאלן זיך אויפוועקן און דענקען און בענקען צו הקב"ה און זיין משועבד צו אים.

עס איז נישט קיין גרויסע נפקא אמינא צו אידן טאנצן ווייטער - צו אידן ווערן נתעורר צו תשובה, די תכלית פון אלעם איז דאך אלץ די זעלבע - אז מען זאל נתעורר ווערן מיט א אמונה אין הקב"ה, מיר זאלן אים טראסטן אז ער וועט אונז געבן נאר גוט'ס - ווייל ער איז דאך דער

בעל הרחמים, און באופן כללי איז ער אונז משפיע נאר גוט׳ס! און אז מען האט אמונה און בטחון איז מען דורך דעם אליין ממשיך חסדים מן השמים - אזוי ווי דער בעל שם טוב הק׳ זאגט אז ווען מען איז זיך בוטח אין הקב״ה איז נישט חל קיין עונשים אויפן מענטש.

דער עיקר, מען זאל וויסן און פארשטיין אז די גאנצע לעבן פון א מענטש איז נאר דא פארן אויבערשטן וועלכע האט באשאפן די גאנצע וועלט, מען איז נישטא פאר חיי עצמי, אונזער לעבן איז נישט אוועקגעשטעלט פאר זיך און פאר די נחת פון די קינדער אא״וו, דאס גאנצע לעבן און די גאנצע וועלט איז אוועקגעשטעלט געווארן פאר הקב״ה - ׳ולכבודי בראתי׳. ממילא, אז הקב״ה האט געוואלט אז עס זאל פאסירן אזא מין אומגליק ל״ע - זענען מיר אויף דעם אויך גרייט - מגלה צו זיין דעם אויבערשטנ׳ס נאמען און אים מאכן א נחת רוח און שעשועים אויף דעם אופן! ווייל ממילא איז נישט פארהאן אויפן וועלט קיין אנדערע תכלית - נאר צו מגלה זיין און מקדש זיין דעם אויבערשטנ׳ס נאמען אויף די וועלט!

אבער אוודאי און אוודאי דארף מען פארשטיין אז דאס איז אלץ נאר אלץ ׳יוצא מן הכלל׳ - אז הקב״ה האט יעצט א יוצא מן הכלל׳דיגע רצון אז מיר זאלן זיך אויפוועקן צו אים אויף דעם אופן דייקא, און מיר פארשטייען נישט זיינע מופשט׳דיגע חשבונות פארוואס און פארווען. אבער עס מיינט אוודאי נישט אז מען זאל יעצט אנהייבן לעבן א חיי הפקר, וויבאלד דאס לעבן גייט דאך ממילא ווי אזוי הקב״ה פירט עס - און עס ליגט נישט בכלל אין אונזערע הענט, און מיר זענען אויסגעשטעלט צום גוטן און צום שלעכטן צו יעדע צייט. הגם דאס איז אזוי - דארפן מיר אבער וויסן אז די ׳כלל׳ איז אז הקב״ה וויל אז מיר זאלן יא האבן אלעס גוט׳ס - נחת פון די קינדער און אלע השפעות טובות עד בלי די. ׳שמחו בהשם וגילו צדיקים׳ - מיר זאלן לעבן א לעבן פון שמחה מיט הקב״ה מיט אמונה און בטחון אז הקב״ה איז א בעל רחמים וחסדים טובים. נישט ח״ו אפלערנען דעם אויבערשטן דורך זיינע פעולות וואס ער טוט באופן ׳פרט׳, אפילו ווען עס איז געווען א

וועלט מלחמה ווי עס זענען אומגעברענגט געווארן זעקס מיליאן אידן ה"י - איז נאך דעם ווייטער געווען רחמים וחסדים.

אוודאי זענען פארהאן תקופות און מינוטן אין וועלכע הקב"ה איז זיך מגלה מיט זיין עומק הדין, און דאן קען קיינער נישט ביישטיין, ווען הקב"ה קומט מיט זיין דין דאן איז קיינער גארנישט - קיינער האט נישט קיין שום אייגענקייט, דאן האט הקב"ה זיין באהאלטענע ענין וואס ער וויל מגלה זיין כבוד שמו יתברך אויף א אופן פון גבורה - דין. אזוי ווי א מלך ווען ער גייט אין א מלחמה מיט א אנדערע לאנד - דאן גילט נישט די געווענליכע מהלך כללי מיט וואס דער מלך פירט זיך בעת שלום, דאן רעכנט מען זיך נישט מיט די לכתחילה'דיגע פרטים מיט וועלעכע זיין הנהגה איז לכתחילה אוועקגעשטעלט, דאן האט דער מלך א כלליות'דיגער ענין וואס ער וויל דא אויספירן און איינעמען. אזוי אויך הקב"ה ווען ער איז זיך מגלה מיט זיין עומק הדין - דאן וויל ער דורכפירן עפעס א באהאלטענע ענין, און דאן איז 'לית מאן דמעכב בידיה' - כביכול.

דער ענין פארוואס הקב"ה האט דייקא געוואלט דא מיט אט די ביטערע אומגליק - דאס איז עפעס וואס מיר פארשטייען נישט און מיר וועלן נישט פארשטיין ביז משיח'ס טאג בקרוב. אבער דאס איז זיכער אז א איד דארף ווייטער לעבן מיט אמונה און בטחון אין השגחה פרטית, וויסן אז אז אלעס וואס הקב"ה טוט איז בוודאי גוט, 'וידום אהרן' - שווייגן און פארשטיין אז אלעס קומט פון הקב"ה אליין, און איך מצידי גיי ווייטער אן אין מיין פריוואטע לעבן מיט תורה ומצוות און קדושה וטהרה, און דער אויבערשטער וועט אוודאי העלפן און מיר געבן מכל טוב וטוב מאוצרו הטוב - אלע השפעות און רחמים וחסדים נחת און שמחה בזכות התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי, אמן.